גאווערנער קעטי האקול

אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/22/2024

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול אויף יארטאג פון ROE V. WADE אורטייל

"איין און פופציג יאר צוריק איז די רעכט פון א פרוי צו מאכן אירע אייגענע באשלוסן איבער קינדער-געבורט העלט קעיר אנערקענט געווארן דורך די סופרים געריכט'ס אורטייל אין די Roe v. Wade פאל. אין 2022 האט די זעלבע געריכט הויז אוועקגענומען פרויען'ס רעכטן אין די Dobbs אורטייל — איינשטעלנדיג די לעבנס פון פרויען אריבער דאס לאנד אין סכנה.

אין לויף פון די פארגאנגענע צוויי יאר האבן מיר געזעהן די שרעקליכע ווירקונג פון די איבערדרייאונג פון די Roe אורטייל. נייע אבארשען פארבאטן ווערן אריבערגעפירט אין סטעיט לעגיסלאטורן אריבער דאס לאנד. פאציענטן ווערן צוריקגעוויזן עמערדזשענסי מעדיצינישע קעיר צוליב עקסטרעמע פאליטישע באשלוסן. טויזנטע פרויען פארלירן צוטריט צו לעבנס-ראטעווענדע מעדיצינען.

אבער ניו יארק קעמפט צוריק — מיר שטייען שטארק אלס א זיכערע האפן פאר אבארשען קעיר. מיר האבן אריבערגעפירט לאנד'ס-פירנדע געזעצן צו באשיצן די פריוואטקייט פון פאציענטן, מיר האבן אינוועסטירט 35 מיליאן דאלאר צו שטיצן פראָווײדערס, אויסגעברייטערט צוטריט צו 'טעלע-העלט' פאר קינדער-געבורט קעיר, אנגעפילט די זאפאסן מיט נויטיגע מעדיצין און אזויפיל מער. היינט, אזוי ווי מיר צייכענען אפ די ערנסטע יארטאג פון די Roe אורטייל, זעצן מיר פאר מיט אונזער איבערגעגעבנקייט צו דעם קאמף פאר קינדער-געבורט רעכטן.

צו די וועלכע זוכן צו באגרעניצן א פרוי'ס צוטריט צו אבארשען קעיר אין ניו יארק, איז מיין מעסעדזש פשוט: נישט דא, נישט יעצט, נישט קיינמאל."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן